בעזהי"ת

קונטרס

# הצלת נפשות

•●•

# אַן אָפענער בריף
# צו אַלע עשירים
# און פילאַנטראָפּען

•●•

"וועד המרכזי העולמי לקיום היהדות"


VAAD HAMERKAZI HOILUMI LEKIYUM HAIHADUS

c/o RABBI SHOLEM YUDA GROSS

4711 12th AVE., APT. A-5, BROOKLYN, N. Y. 11219

TEL.: (718) 436 8086


•●•

הו"ל בחמלת ה' עלי בזכות אבותי ורבותי הק' זי"ע

הק' **שלום יודא גראס**

רב דקהל "מגן שאול ד"האלמין" ור"מ בישיבה וכולל "בית ישעי" "מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"

בעהמח"ס: אפיית המצות השלם (י' חלקים); גידולי יהודה (על הלכות ציצית); שו"ת זבחו זבחי צדק (על הלכות שו"ב); חינוך ישראל סבא (מדריך לחינוך הבנים והבנות); מדריך לצניעות; מזוזת שלום (על הל' מזוזה); מנוחת שלום (הדרכה לכשרות); מנחת יהודה, (על חומר איסור "חלב עכו"ם ו"סימילאק"); נפש ישעי' (על מאכלות אסורות, ה"ח); קדושת ישראל (על הלכות יחוד); וש"ס


ברוקלין נוא-יארק •●• שנת תשמ"ט לפ"ק

בס״ד

# עשירים עשירים!!! ראטעוועט ראטעוועט!!!

## נאָנט צו 6 מיליאן אידן אין אמעריקע ווערן געפירט צום גייסטיקן אוישוויץ רח״ל

טאג טעגלעד גייען טויזנטער פון די אמעריקאנער אידישע יוגנטלעכע מטה מטה.

די איינציקע וועלכע קענען זיי העלפן זענען די עשירים. די נשמות פון די יוגנטלעכע בעטן זיך ביי אייך מיט תחנונים **האט רחמנות און ראטעוועט אונז.**

יש קונה עולמו בשעה אחת!

עשירים האבן די מעגלעכקייט צו קויפן טעגלעד זכותים דורך ראטעווען טויזנטער אידישע נשמות פון די נעגעל פון די סטרא אחרא.

לאזט נישט אדורך די געלעגנהייט וועלכע וועט אייך ברענגען צו די העכסטע היכלות פון גן עדן און גרויס הצלחה אויף דער וועלט אין אלץ.

אויפן סדר היום: • שבת • כשרות • טהרת המשפחה • תפילין • מזוזות • געמישטע הייראטן • מלחמה קעגן מיסיאנערן.

פאראינטערעסירטע צו העלפן מיט געלט דעם ״וועד המרכזי העולמי לקיום היהדות״ צו קענען אנגיין מיט דער רעטונגס־ארבעט, דארפן זיך ווענדן שריפטלעך אדער טעלעפאניש צו:

**VAAD HAMERKAZI HOILUMI LEKIYUM HAIHADUS**
c/o Rabbi Sholem Yuda Gross
4711 — 12th Ave., Apt. A-5, Brooklyn, N.Y. 11219
Tel.: (718) 436-8086

# אן אפענער בריף צו אלע עשירים און פילאנטראפען

# מיר זענען פארצווייפעלט און מיואש!!!

אזוי ווי מען האַלט שוין אַט פאר די ימי הדין ווען אַ ציטער נעמט אַ דאָרך יעדן איד אויף זיינע אייגענע מעשים, נאָך דערצו ווען מען הערט אזעלכע מורא'דיגע בשורות, אז ברידער און שוועסטער פון אייגענעם פאָלק ווערן אוועקגעריסען פון כלל ישראל מאסענווייז, לויט די לעצטע סטאטיסטיקס דערגרייכט די ציפערן צו אסטראנאמישע הויכען פון 1000.

**מורי ורבותי נישט ווייניגער ווי טויזענט אידישע יוגענטליכע הייראַטען יעדע וואָך מיט גוים אדער גוי'טעס און מיר שווייגען???**

אזוי ווי דאָס געוויסען פלאגט מיר אהָן אויפהער, שוין יאָרען ווען האַרט נעבן אונז, געפינען זיך מיליאָנען אידען וועלכע פאַלען צוביסלעך אין תהום פון גוי'שקייט און גאָרנישט ווערט געטוהען זיי צו ראטעווען, האב איך מיט אַ שטאַב עסקנים גענומען

דריקען קונטרסים און ספרים אין עטליכע שפראכען ארייצודרינגען אין די מאסען אויפציוועקען זיי פון אסימילאציע און אויפצוקלערן דאס באדייט פון אידען מיט אידישקייט און אויך אירע הויפט יסודות ווי טהרת המשפחה – שבת – כשרות – תפילין ומזוזה מיט נאך צענטליגער יסודות פון יהדות.

מיר האבען ב"ה שטארק מצליח געווען מיר קענען דאס איבערווייזן מיט לעבעדיגע פאקטען הונדערטער וואס זענען צוריק־געקערט געווארען פון עמקי השאול. ביז ביז... עס איז אלעס געקומען צו א סוף צוליב פינאנציעלע שוועריקייטען מיר האבען מקריב געווען אונזער **צייט – געלט – ענערגיע און גאנצען לייב און לעבן ביז ווי ווייט עס איז געגאנגען.** ווען די געלט קאסע (וואס איז באשטאנען הויפזעכליך פון אפשפארען דאס ברויט פון מויל פון זיך און די קינדער) האט זיך אויסגעליידיגט האבען מיר געמוזט בלייבען שטיין...

**דער טיעפער שמערץ וויסענדיג אז 150 אידען ווערן טעגליך אסימילירט בלויז אין אמריקע, האט אבער נישט געלאָזט שלאָפען, דאס געוויסען האט געפייניגט, און נישט געלזאט רוען א מינו'ט, שטעלט אייך פאָר ווען איר הערט אייער ברידער און שוועסטער טרינקען זיך אין ים, וואלט איר דען געקענט שלאפען?, און שמד'ן איז ערגער ווי פארלירען בלויז דעם גוף. האבען מיר באשלאסען צו מאכען נאך איין פראבע.**

**נעמליך** אזוי ווי די חז"ל זאגען אז דאס געלט פון די עשירים איז בלויז א פקדון ביי זיי, עס געהער פאר ארימעלייט און וואוילטעטיגע צוועקען, עס ליגט ביי זיי אלס נסיון צו זעהן אויב זיי וועלן טוהן דערמיט

וואס זיי זענען מחויב. מיר האבען אויך געדענקט די מאמר חז"ל אז יעדער איז מחויב מוסר צו זאגען אפילו הונדערט מאָל דעריבער האָבען מיר באַשלאָסען ארויסצושיקען 100 בריעף פאַר יעדן עושר בעטען – וויינען – אפעלירען – **האטס רחמנות אויף ענקערע ברידער און שוועסטער ראטעוועט זיי ווילאנג מען קען נאָך!! פאַר עס איז שוין נישטא ווען צו ראטעווען ח"ו...**

**ליידער** האָבען אַ טייל פון די עשירים, זיך אינגאנצען נישט וויסענדיג געמאכט. מעגליך אז זייער סעקרעטאר האט זיי גארנישט איבערגעגעבן די בריוו (וואָס פארן בי"ד שלמעלה איז דאס זיכער נישט קיין תירוץ ווייל רוחניות'דיגע בריוו איז אויפן אחריות פון בעל הבית עס זאל ערשיינען כאטש ווי א געלט בריוו) טייל עשירים זענען "נסתרים", זיי מאכען דעם איינדרוק ווי פשוטע ארימעלייט, דעריבער האבען מיר באשלאסען מפרסם צו זיין אין צייטונג דעם בריוו, דאס זאל דינען ווי א פאצווייפלונג בריוו **פאר אלע אידען בכלל און עשירים בפרט. אפילו סתם פארדינער וואס ווילען צולייגען א האנט ווערן געבעטען זיך צו מעלדן,** מיר האבען אויסגעארבעט דעם סיסטעם יעדער שטיצער זאל זיין געזיכערט אז זיין געלט גייט גענצליך פאר **הצלת כלל ישראל.**

**ובזכות** זה וועלן מיר אלע אידען זוכה זיין מיט א כתיבה וחתימה טובה שנת גאולה וישועה, בב"א.


פאראינטערעסירטע צו העלפן מיט געלט דעם "וועד המרכזי העולמי לקיום היהדות" צו קענען אנגיין מיט דער ארבעט, דארפן זיך ווענדן שריפטלעך אדער טעלעפאניש צו:

VAAD HAMERKAZI HOILUMI LEKIYUM HAIHADUS

c/o RABBI SHOKLM YUDA GROSS

4711 12th AVE., APT. A-5, BROOKLYN, N. Y. 11219

TEL.: (718) 436 8086

"וועד המרכזי העולמי לקיום היהדות"
*Central Committee for the Upholding of Yiddishkeit Throughout the World*

**חברה מזכי הרבים העולמי**
בנשיאות הרה"ג מוה"ר
רבי שלום יהודה גראס שליט"א
רב דקהל "מגן שאול" ד"האלמין"
ור"מ בישיבה וכולל "בית ישעי"
"מכון להוראה בשחיטות ובדיקות"
c/o RABBI S.Y. GROSS, 4711 12th Ave., Suite A-5
Brooklyn N.Y. 11219

מכון להוצאת
ספרי יהודה וישראל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
נשיא
"וועד הכשרות דהתאחדות הקהילות"

בעל "קובץ ספרים בעניני כשרות" ו' חלקים (מ"ב חיבורים),
שו"ת "מנחת ש"י" על או"ח ויו"ד (ג' חלקים ועוד),
"נפש ישעי" על מאכלות אסורות (י"א חלקים).

"קובץ כל ספרי ניקור המובהקים" י' חלקים (קי"ח חיבורים),
"ספרי שמירת המצות והכשרות" ד' חלקים (כ"ח חיבורים),
"מדריך לכשרות ולחיזוק הדת" (מ"ב חלקים).

בס"ד

**החיים** והשלו' וכט"ס אל כבוד ידידי היקר הנגיד הנכבד המפורסם בכל אפסים במעשי צדקה וחסד שלו, הטוב והמטיב לאחרים המו"מ בתוי"ר כש"ת מוהר"ר ... ני"ו.

**עס** שטייט אין די תורה "וכשלו איש באחיו" זאָגט די גמרא דאָס אידישע קינדער זענען ערב איינער פאר'ן צווייטען און פאר'ן גאנצן כלל אויף אלעס וואָס ער איז בכח זיי צו העלפן ברוחניות און דאָס זעלבע ביים גשמיות. און נאָך זאָגט די גמרא דאָס דער עיקר ערבות איז געזאָגט ביי דעם ענין פון תוכחה, דאָס יעדער איד טראָגט אן אחריות אויף דעם וואָס ער איז בכח מוחה צו זיין און ער טוט דאָס נישט, צו אויף א יחיד, און דעסגלייכען אויב ער קען מוחה זיין אָדער אויפטוהן פאר גאנץ כלל ישראל איז ער דאָס מחוייב, און ווען ער טוט דאָס נישט, דאן ווערט דער גאנצער אחריות און שולד פארעכענט ווי גלייך ער וואָלט געטוהן די אלע חסרונות פון די אלע וואָס עס איז אין זיין האנט דאָס צו פארמיידען אָדער צו זעהן זיי זאָלען יאָ גוט זיין און טוהן וואָס די תורה באפעהלט אונז (שבת נד., קי"ט:, חנוך מצוה רלט, יורה דעה שלד-מח, ילקוט שופטים סח, מדרש תנחומא משפטים, מדרש תנחומא חקת, אותיות

דרבי עקיבא א, רש"י סוטה מא: אבות דרבי נתן פרק כ"ט, מערכי לב דרוש אות ע', דף קנ"ז, וספר יד ימין חלק ב, דף יג, ועיין באריכות בספר שאלות ותשובות מהר"ם שי"ק אורח חיים סימן שג והלאה), ובענין שכר המוכיח: עיין בזוהר הקדוש חלק א, כט:, ראשית חכמה שער הקדושה פרק יב בשם מהר"י אבוהב, תמיד כח., ויקרא רבה כה, ילקוט רות על הכתוב וימת אבימלך, אבות דרבי נתן פרק כט, חומת אנך פרשת נח, סנהדרין קא:) כו' כו'.

**איך** קום צו אייך ר'... שליט"א, מיט א הארצרייסענדע בקשה לטובת הכלל!!!

**איר** זענט ווייט און ברייט באקאנט מיט אייערע אויסער געוויינטליכע לייסטונגען פאר'ן כלל, מוסדות התורה והחסד, און פארן פרט ופרט בלי שיעור. א איד וואס איז רייך מיט מצות און איר זענט דער וואס האט א זכי' מן השמים צו העלפען פאר דעם כלל ישראל, השי"ת האט אייך געגעבען א פקדון, און איר פארשטייט דאס אויסצוניצען, ע"כ קום איך צו אייך מיט א וויכטיגען פראיעקט פון הצלת נפשות ישראל, וואס איז בלי שום ספק אז נאר איר זענט דאס בכח אדורך צו פירען.

⚜

1. **איך** וויל באטאנען דאס מיר האָבען איבער 100 וואלאנטירערס וואס ארבעטען שוין יאָרן צו העלפען ראטעווען דעם כלל ישראל, די 7 מליאן אידען אין אמעריקע און אזוי אויך די אלע אנדערע אידען אין ארץ ישראל און איבער די גאנצע וועלט. דאָס ווערט אלעס געטוהן אומערמידלעך יאָר איין און יאָר אויס. מיר האָבען שוין ב"ה אויפגעטוהן גדולות ונצורות, אָבער די מעגלעכקייט זענען

באגרעניצט, די חובות וואקסען פון טאָג צו טאָג, און מיר קענען נישט ווייטער אָנגיין אזוי ווייטער.

**מיר** האָבען פרובירט צווישען אחינו בני ישראל, אָבער דאָס איז א קליינע הילף קעגען די גרויסע אונטערנעמונגען וואָס מיר טוהן און וואָס מיר האָפען בעז"ה דאָס דורך צופירען צו ראטעווען וויפיל נפשות עס איז נאָר מעגליך.

**מיר** קומען יעצט דאָ צו אייך צו בעטען הילף, מיר מוזען אָבער וויכטיג באמערקען דאָס אונזער כוונה איז נישט חלילה צו בעטען געלט פאר אונז אליין פערזענדליך כדי אָנצוגיין מיט די ארבעט, ניין! מיר ווילען נישט נעמען פון אייך קיין איין פרוטה אחת מיר מיינען כולו לשם שמים, איר דארפט נישט, און מיר ווילען נישט קיין איין פרוטה זאל בכלל קומען צו אונז דירעקט, נאר די אלע חשבונות פון הוצאה והכנסה ביי אונזער מפיץ זיין תורה און אידישקייט זאָל קומען גראד צו אייך, און איר קענט צאָלען גראָד פאר'ן דרוקען, בינדען פאָסט אפיס קאמפיוטער קאמפאניס צו מעילען די אלע ספרים וואָס זענען געווידמעט אויף מחזיר בתשובה צו זיין דעם כלל ישראל.

2. **געדענקט** מיר זענען זיכער דאס מיר קענען בעזהי"ת מחזיר בתשובה זיין א גרויסען פראצענט פון כלל ישראל פון מיליאָנען אידען, מיר האבען גענוג איבערצייגונגען אויף דעם, און מיר זענען דאס מחויב צו טוהן על פי התורה ווי דער חפץ חיים שרייבט אין ספר נדחי ישראל און דאָס זעלבע שרייבען אלע גדולי ישראל באריכות וכו'.

3. **איך** בין ב"ה נישט ניי אין די ליין און רעד נישט קיין פאנטאזיעס, ווייל איך האב שוין ב"ה ארויס

געגעבען איינס און א האלב מיליאן ספרים עקזעמפלארען, און דאָס אלעס צושפרייט בחנם, איבער די גאנצע וועלט, ווי מיר קענען אייך ווייזען די עטליכע טויזענט בריף וואָס מיר האבען באקומען, נאָך א לאנג יעריגע שווערע ארבעט פון 18 יאָר האבען מיר ארויס געגעבען קרוב צו 350 מיני ספרים לזכות הרבים, וועלכע נעמען ארום די יסודות הדת. דער חילוק איז אז דאָס וואָס איך האָב געטוהן מיט שווערע האָרעוואניע אין די 18 יאר קענט איר זוכה זיין צו טוהן לכה"פ 10 מאָל אזויפיהל אין איין טאָג, ווייל השי"ת האָט אייך געגעבען דעם יכולת, און פון אייך וועט מען מאנען אויב איר טוט דאס ח"ו נישט, און יש קונה עולמו בשעה אחת. אין אמת'ן וואָלט איך געדארפט פאָר'ן צו אייך, איבערשמועסן די גאנצע זאך בפרטיות בכובד ראש, מיט'ן פולן אחריות, ווי עס פארלאנגט זיך ביי אזא ענין גדול, נאָר אזוי ווי איר זענט רוב מאל נישט אינדערהיים, און עס איז שווער צוצוקומען, על כן שרייב איך אייך דעם בריף, איך האָב אייך שוין געשיקט א סאך בריף אבער עס זעהט אויס אז עס איז צו אייך נישט אנגעקומען. ע"כ בין איך געקומען צו די החלטה דאס אזוי ווי איך וויל נישט טראָגען אויף מיין פלייצע דאָס גרויסע אחריות ווען מען וועט נאך 120 יאר האבען צו מיר טענות דאס איך האב געקענט ראטעווען זייער אסאך פון די 7 מיליאן אמעריקאנער אידען און די אידען איבער די וועלט, און איך האָב דאָס נישט געטוהן, און אז איך וועל פרעגען ווי אזוי? איך האב דאך אפילו נישט אויף פרנסה? און איך ארבעט דאָך א גאנץ לעבען נאָר מזכה הרבים צו זיין? וועט מען מיר ענטפערן ביים בית דין של מעלה, פארוואס האסטו

נישט אנגעקלאפט די טירען פון די עשירים וועלכע האבן פון הימעל באקומען דאס געלט בתורת פקדון כדי דערמיט אויפצוטוהן פאר תורה און אידישקייט.

**וועל** איך ענטפערן די עשירים ווילען דאס נישט איינזעהן, זיי מיינען דאס געלט איז זייערס.

**און** אויך גלייבען זיי נישט, ווייל זיי זענען צוגעוואוינט צו פארשידענע שקרנים בלאפערס, און זיי גלויבען שוין נישט אפילו ווען עס איז יא אמת, זיי נעמען נישט די צייט און מיא זיך צו איבערצייגען דעם אמת. וועט מען מיר פרעגן האסטו פראבירט ביי די עשירים וועלכע פארמאגען א גאלדענעם הארץ און א שטארקען חוש צו צדקה וחסד אזוי ווי ...?

**וועל איך ענטפערן יא!**

**וועט** מען מיר פרעגן האסטו גענוג פראבירט? ווייסט דאך אז די עשירים זענען זייער פארנומען, און פון איינס צוויי מאל דערמאנען געדענקען זיי נישט! האב איך באשלאסען צו שיקען עטליכע בריף כדי אראפ צו נעמען די דאזיגע גרויסע אחריות וואס ליגט אויף מיר, כל זמן איך האב נישט אלעס פראבירט, און השומע ישמע ועליו תבוא ברכת טוב, ואני את נפשי הצלתי!!!

⚜

**על** כן האב איך מחליט געווען דאס איך וועל שיקען צו אייך בעזהי"ת ביז 101 מאל בריף וויפיל דער חיוב פון תוכחה איז על פי תורה, און איך וועל מיטנעמען מיט מיר די אלע בריף נאך 120 יאר, דאס צו קענען ווייזן ביים בית דין של מעלה דאס איך האב אייך כסדר מעורר געווען ברחמים ובתחנונים בכל לשון של בקשה, אז מיר קענען טוהן אלעס צו ראטעווען די 7 מיליאן אידען, און איך האב נישט

געהאט ווער זאל צו העלפען מער ווי דאָס וואָס איך האָב געטוהן.

**איך** וועל אייך פארציילען א מעשה נורא וואס איז געדרוקט אין ספר מן המיצר, (און אויך אין ספר קראתי ואין עונה דף 64), דאס הגה"צ מורנו הרב ר' מיכאל בער ווייסמאנדעל זי"ע האט גע'ארבעט ביי די לעצטע וועלט מלחמה אויף צו ראטעווען 50.000 אידען פון טשעכאסלאוואקי (חוץ די אנדערע 40.000 וואָס איז שוין געווען נעבעך דעמאָלסט פארשיקט), מען זאל זיי נישט טראגען אין די גאז קאמערען רח"ל און מען האט געדארפט האבען 50.000$ זיי צו ראטעווען, 25.000$ האט ער אליין פארשאפט, נאָך פיהל צייט וואָס ער האָט געארבעט שווער דאָס צו פארשאפען, מיט פיהל בלוט און טרערען איז דאָס אים אָנגעקומען און ער האָט דאָס אהין געגעבען פארן נאצישען ראש אין טשעכסלאָוואקיע (דער שליח פון ראש פון די נאצים) כדי מען זאל אפהאלטען די אידען פון טראגען אין די גאז קאמערען, און ער איז געווען זיכער דאס אז ער וועט קענען פארשאפען דאס איבעריגע געלד פון נאָך 25.000$ וואָס האָט געדארפט ווערען צוגעשטעלט ביז 7 וואָכען – למעשה האָט ער דריי חדשים געהאָרעוועט טאָג און נאכט מיט די הילף פון א פאָר מסירות נפש אידען, אָבער ער האָט דאָס נישט געקענט פארשאפען, און דערווייל האָט ער די רשעים מדחה געווען מיט פארשידענע תירוצים.

**למעשה** האט ר' מיכאל בער זצ"ל נאָך די דריי חדשים פלאָג נישט באקומען געלט, פון קיין איינער פון די גרויסע געלט פאָנד אין אמעריקע און אין שווייץ (וואָס עס איז געווען באשטימט אויף צו

העלפען די אייראפישע אידען), און דער נאצי ימ"ש
האט געזאגט דאס לעצטע ווארט דאס ער ווארט נאר
ביז יוה"כ און אויב ער באקומט נישט דאס געלט
שיקט ער רח"ל אוועק די 50.000 איבערגעבליבענע
אידען אין גאז קאמער רח"ל.

**ערב** יום כיפור האָט דער צורר היהודים
געהאלטען וואָרט און געחאפט און אוועק געשיקט א
טראנספּאָרט פון דריי טויזנט אידען אויף פוילן,
הגה"צ ר' מיכאל בער צו זעהנדיג דעם ביטערן מצב
און דערוייל זעט מען נישט קיין געלד, האָט ער
געחאפט אין זיין פארצווייפעלטען און
פארביטערטען מצב און שנעל אועקגשיקט אום יום
כיפור ביינאכט (אין די צייט פון כל נדרי) דריי
טעלעגראמעס פאר 3 גרויסע רבנים, [טייל זאָגען אז
איינער פון די 3 גרויסע רבנים איז געווען כ"ק אדמו"ר
מסאטמאר זצ"ל,] (עס קען זיין אז ביז דעמאָלטס
האָט מען אים נישט איבערגעגעבען קיין פאסט
וועגען דעם ענין), דאס ער מוז שוין האבען דאס
געלט, ווייל עס איז פקוח נפשות פון צענדליגער
טויזענטער אידען וואס עס דרויט אויף זיי פיינליכע
יסורים און נאכדעם דער טויט רח"ל, און האט
אנגעפאנגען דעם בריף "על דעת המקום ועל דעת
הקהל", דאס אין נאמען פון נייטרא רב רופט ער זיי
אויף מארגען יום הקדוש צום בית דין הגדול צוליב
זייער חיוב צוצוהעלפען די אידען פון סלאוואקייע
וואס מען וויל ח"ו שיקען אין גאז קאמארען און
צוליב די פּאָר דאלער וואס ווערט ניטש געשיקט קען
מען זיי נישט ראטעווען, און אלעס איז אויף זייער
אחריות. דער סאטמארער רבי זצ"ל האט באלד אין
יום הקדוש געשיקט דאס געלט, און עס איז

אנגעקומען איין טאג נאך יוה"כ, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט פאר דעם לעצטן טראנספארט פון 3000 אידען ווייל זיי זענען שוין געווען אויפן וועג צו די גאז קאמארען אין אוישוויץ ל"ע רח"ל, און דער רשע האט נאך אלע בקשות און בכיות בשום אופן זיי נישט געוואלט לאזען צוריקברענגען, ער האט געזאגט, עטץ האטץ זיך מיט מיר דריי מאנאטען ארום געשפילט מיט ליצנות און אויסגעטראכטע תירוצים – פון יעצט און ווייטער אז עטץ וועטץ מקיים זיין אייערע הבטחות, וועל איך אויך האלטען מיין ווארט, ע"כ די מעשה.

**יעצט** טייערער ר' ... שליט"א, מען מאנט פון הימעל אונז ביידע אינאיינעם אז מיר זענען מחוייב צו ראטעווען די מיליאנען אידען פון אמעריקע, אייראפע און ארץ ישראל כו' און מיר ביידע קענען דאס בעזה"י טוהן, וועלען מיר דאס טוהן איז וואויל פאר אונז וואס מיר האבען זוכה געווען צו אזא זאך, ח"ו אויב מיר טוען דאס נישט וועט מען האבען א טענה נאר צו אונז ביידע נישט צו קיינעם, ווייל נאר אונז זענען מיר דאס ביכולת, איך מיט מיין סטעף וואס איז גרייט צו ארבעטען כולו לשם שמים אן קיין שום שכירות, און איר מיט אייער געלט וואס השי"ת האט אייך געגעבען פאר א פקדון.

**געדענקט** איר וועט נישט האבען קיין שום תירוץ דאס איר האט נישט געוואוסט דערפון אדער איר האט נישט געהאט קיין צייט אויף צו טוהן די זאכען! ווייל מיט איין האלבע שעה קענט איר אלעס ערלעדיגען צו ראטעווען די אלע 7 מיליאן אידען, דאס איבעריגע וועל איך אי"ה אלעס נעמען אויף מיין קליינע פלייצע, און איר וועט קומען צום פערטיגען.

איר דארפט נאר שניידען די פירות. שטעלט אייך פאר ר׳ ..... ווען איך טראג אייך פאר א פלאן אפ צו קויפען גאנץ מאנהעטען פאר 5 ביליאן דאלער וויפיל צייט וואלט איר געשפענט אויף דעם? היינט וואס דער פלאן איז מיליאנען מאל א גרעסערער דיל, דארפט איר זיך אוודאי מאכען צייט דערויף.

**געדענקט** איך ארבעט נישט פאר קיין שכר, נאר ווייל איך האב מורא פאר השי״ת וואס וועט מיך מאנען ביי דעם יום הדין הגדול והנורא, וואס האסטו נישט געראטעוועט אט די אלע צובראכענע אידען וואס האבען נישט געהאט ווער עס זאל זיי מחנך זיין צו קומען צו אידישקייט, און דו האסט געוואוסט דערפון און זיי גרינג געקענט ראטעווען און דו האסט נישט געטוהן ע״כ דארפסט דו אפגעבען דין וחשבון!

**אויב** איר דארפט האבען מקורות להלכה אז מיר זענען דאס מחוייב צו טוהן אדרבא זאגט מיר, וועל איך אייך צו שטעלען אלע פוסקים ראשונים ואחרונים, אבער איך פארשטיי דאס איר זענט גענוג א תלמיד חכם און איר פארשטייט אליין דאס ״מי שיש בידו למחות ולא מיחה, להחזיר את ישראל בתשובה ולא החזיר אז כל הדמים הנשפכים אינם אלא על ידו״ ווי די לשון חז״ל איז, און מיר קענען זיך נישט ארויס דרייען פון די אזהרה פון די הייליגע חז״ל.

**מיר** קענען אייך פינקטלעך ווייזען וואס מיר האבען געטוהן אין עבר, און אונזערע פלענער בע״ה אויף ווייטער, וואס דאס אלעס קען טויזענט פאכיג גרעסער און שטארקער און שנעלער דורך געפירט ווערען מיט אייער הילף אלס גוטער שליח פון השי״ת, און מיר ווילען נישט שרייבען ווייטער אויב ח״ו נישט,

וואס אפילו אונזער ביז יעצטיגע ארבעט איז דעמאלסט איינגעשטעלט און אויף וועמענס אחריות?.

**מיר** האפען צו הערען פון אייך בקרוב, ווייל יעדער טאג איז א פסידא דלא הדרא.

הכו"ח מתוך צער ושבירת הלב

**ה"ק שלום יהודה גראס**

אבד"ק האלמין יצ"ו ברוקלין נוא יארק



**וועד המרכזי העולמי לקיום היהדות**

*Central Committee for the Upholding of Yiddishkeit Throughout the World*

c/o **RABBI S.Y. GROSS**

**4711 12th Avenue,** Suite A-5

Brooklyn, N.Y. 11219



שלום יודא גראס

בעמ"ס
אפיות המצות
נפש ישעי' י"ח
גדולי יהודה
מזוזת שלום
קדושת ישראל
שמחת שלום
ועוד

אב"ד דק"ק מגן שאול דהאלמין יע"א
ברוקלין, נ.י.

הק' שלום יודא גראס
אבדק"ק האלמין יצ"ו

✤✤✤

# קריאה נרגשת לעשירי העולם

אף פעם בהיסטוריה היהודית במדינות הגלות עוד לא היה שפע של כסף כזה אצל היהודים, בשנים האחרונות לבד, אצל יהודים הקרויים חרדים, נחשבים כיום לאנשים העשירים בעולם, הם יכלו לפתור את בעיות המחסור והעוני של כל הנצרכים יחידים ומוסדות תורה וחסד.

מוצאים כיום כמעט בכל בית כנסת אנשים עשירים מאוד ביניהם מליונרים ומליארדרים, ומנגד שומעים מגבאי צדקה העובדים קשה מאוד על מנת לגייס את הכספים שזקוקים על מנת לפתור את בעיות הישוב הנחשב לישוב העשיר ביותר, כשביניהם מליארדרים, ובתשובה אומרים אלו לכותב שורות אלו, שישנם מתוכם כאלו המתיחסים לכל בקשה ולעומתם ישנם כאלו שאינם רוצים לכלל לשמוע, לבם לב אבן, לעצמם מפזרים הון רב, אך כשמדובר באחרים אינם רוצים לשמוע כלל, וכשלוחצים עליהם

הם מתחמקים בסכום קטן שהם נותנים, ויותר לא רוצים לשמוע.

אמר לי אחד ממנהלי המוסד לבעלי תשובה אור החיים, שבסכום של מליון דולר יכלו להפוך את כל ארץ ישראל, בעלי התשובה מעוניינים ורצים לפנות לחבריהם ולהחזירם בתשובה, אך לצערנו אין אפילו את הסכום הדרוש להוצאות בלבד.

גם הארגון הידוע "יד לאחים" שניהלו בעבר ישיבות בין הזמנים כששולחים בני ישיבות לכל חלקי הארץ, בכדי להראות לחילונים איך לומדים ואיך נראים בני ישיבה, הם נאלצו להפסיק את המבצע הזה בשל מחסור בתקציב.

גם החינוך החרדי יכל לגדול ולהתרחב, אך בשל המחסור בכסף אינם יכולים להרחיב את השורות, ולכן יש להם את אותו מספר ילדים בשלשים השנים האחרונות, העשירים אוחזים בידם את הכסף שניתן להם בפקדון, בכדי שיוכלו לתת להיכן שצריך.

ידוע שישנם מבין העשירים המתגאים שהם נותנים מעשר, שפירושו 10% מרכושם, ושואלים האם עוד יש לכם טענות אלינו, וע"כ אשיב ואומר שאינני מאמין שהם נותנים

מעשר, ואפילו אם הם נותנים מעשר, הם רחוקים מלצאת ידי חובה. כי המעשר נאמר עבור מישהו שאינו מרויח הרבה ואין באפשרותו לתת, הוא יוצא ידי חובה כשהוא נותן 10%, אבל מי שמרויח יותר מכדי פרנסה, הוא חייב לתת לפחות חומש שפירושו 20% מהכנסתו, אחרת עוברים על איסורים חמורים, כך פוסק הגאון מוילנא במכתב שהשאיר למשפחתו כשהוא היה בדרכו לארץ ישראל ואנו מצטטים כאן את דבריו:

...למעשה יש להוריד חומש מהרווחים כפי שציוויתי ולא להמרות את הוראתי, כי מי שנותן פחות עובר בכל רגע על הרבה לאוין ועשין וזה כאילו שכופרים בתורה הקודשה ח"ו עכ"ל, כך פסק רבנו הגר"א זצ"ל, וידעו זאת העשירים הליטאים, ויבחנו לעצמם האם הם עומדים בכך, כי אחרת הם בבחינת כופרים ר"ל. הוראתו של הגר"א מחייבית גם את החסידים מאחר והוא היה אז רשכבה"ג.

נצטט גם את דבריו של האור החיים הק' בפ' קדושים (יט יג) העשירים הם צינור אחד שדרכם תכננו לתת לנצרכים ולצדיקים, ולכן הקב"ה מזהיר אותנו לא תעשוק את רעך, אלו הם הצדיקים שהקב"ה קורא להם אחים

וידידים, כמו שכתוב למען אחי ורעי אז אם לא נותנים את שזקוקים עוברים על לאו.

כמו"כ ידוע סיפור המעשה כפי שהוא מובא בגמרא (מס' כתובות דף סו ע"ב) שר' יוחנן בן זכאי כשיצא מירושלים רוכב על חמורו, הוא ראה איך שאשה אחת יושבת ואוספת תבואה שהניחו בפני הבהמות של הערבים, ושאלה מר' יוחנן שיפרנס אותה, שאל אותה ר' יוחנן מי את, השיבה אני בתו של הצדיק נקדימון בן גוריון (שהגמרא בגיטין מספרת עליו שכשנכנס לבית הכנסת והעריב היום, האור חזר והאיר, הוא היה מהצדיקים הגדולים ביותר שקיבל על עצמו לפרנס את ירושלים 21 שנה), שאל אותה רבי יוחנן בן זכאי, להיכן נעלמו כספי אביך ?, השיבה האם לא אמרו בירושלים משל זה, שאם מישהו ימלח את כספו ואינו נותן צדקה, האם לא יחסר מלח לכספו, הרי המלח עושה שלדבר יהיה קיום, כך כשנותנים צדקה הוא שומר על הכסף שיהיה לו קיום, ובדרך אחרת "מלח ממון חסר חסד", מי שרוצה למלוח את כספו שיהיה לו קיום, שיחסר מכספו על ידי שיתן לצדקה וחסד (ראה רש"י במקום).

המשיך רבי יוחנן ושאל אותה, ומה נהיה בכספו של חמיך? השיבה, בא זה ואיבד את זה, אמרה לו, רבי אתה זוכר כשאתה חתמת על הכתובה שלי, ענה ר׳ יוחנן לתלמידיו אני זוכר כשחתמתי על כתובתה היה כתובה שצד אביה מתחייב לתת מיליון דינרים חוץ ממה שחותנה מתחייב ליתן.

שואלת שם הגמרא האם נקדימון בן גוריון לא נתן צדקה?, הרי מספרים עליו שכשהוא היה הולך מביתו לבית המדרש ובחזרה, היו העניים מקבלים ממנו רכוש היו מוכרים אותו ומחלקים ביניהם, הרי רואים שהוא היה נותן צדקה, ואם כן מדוע בתו אמרה שהם לא נתנו צדקה ולכן הם הפכו לעניים, שהיא היתה נאלצת לאסוף חיטה ליד בהמות הערבים, הגמרא מספרת שרבי יוחנן בן זכאי בכה כשהוא ראה זאת ואמר, מאושרים אתם היהודים שאתם עושים רצונו של מקום, ולכן אף אומה בעולם אינה יכולה להכחידכם, אך כשאין עושים רצונו של מקום, הקב״ה משליכם לבהמות הערבים, ובכך הוא אישר שאביה לא עשה את רצונו של הקב״ה, ולכן נשאלת השאלה האם בשל כך מגיע לו עונש

שכזה, הרי בסופו של דבר הוא נתן הרבה צדקה?

משיבה הגמרא נכון, הוא נתן צדקה, אך לא כל כך כפי שהי׳ יכל לתת, והגמרא מביאה את האימרה, שלפי יכולת הנשיאה של הגמל כך מעמיסים עליו, אותו דבר גם האדם העשיר, כי היכולת שלו לשאת הוא חייב לשאת בעול הצדקה, ונקדימון בן גוריון לא נתן כפי שהוא יכלתו.

הגמרא בעצם בדברים אלה מדברת אל העשירים החסידים והמתנגדים, ומראה איך שעשירים יכולים לחיות בטעות, וצדיק כל כך גדול כמו נקדימון בן גוריון שחשב שהוא נתן די והותר, ובשביל הטעות במחשבתו הוא הפסיד את כל רכושו ונשאר ללא פת לחם. וביתו חיתה בדחקות נורא.איזה תירוץ יהיה לעשירים כשישאלו אותם מדוע לא למדתם מנקדימון בן גוריון שחייבים לתת לפי האפשרויות, שזהו לפחות חומש 20% מההכנסות כפי שציטטנו מ״אגרת הגר״א״.

וזה רק בשביל צדיקים ועשירים כמו נקדימון בן גוריון, אך מי שיודע בנפשו שהוא חטא חטאים גדולים במיוחד ב״חטאת נעורים״ החטא של ער ואונן כפי שכתוב

בתורה חייבים בשביל זה מיתה בידי שמים, ובשביל זה הם נפטרו כפי שכתוב בפרשת וישב וע"ז כתוב בספרים כל אשר יש לו יתן בעד נפשו שלקנות את הנפש נותן אדם את כל רכושו וע"ז לא נאמר המאמר חז"ל "המבזבז אל יבזבז יותר מחומש" רק מותר לתת אפילו את כל הרכוש ראה (תניא איגה"ק פט"ז).

דבר ידוע שהבתי כנסיות לחסידים בהעיר לעמבערג היו העשירים מחלקים את רכושם חציו לעצמם וחצים לעניים, וחוץ מזה עזרו להם בכל צרכיהם, וכן עזרו לכל הארגונים שהיו בעיר, ואין ספק שאם היו שומרים את הכסף בבנקים, הם רק היו מאפשרים לגוים להמשיך ולעסוק בכספיהם, אבל על ידי שהתחלקו עם העניים הם השקיעו את כספם בעניני שמים ושם הרווחים צוברים הון לחיים העתידיים הנצחיים בגן עדן, כמו שאמרו חז"ל בב"ב אצל מונבז המלך שגנז הונו למעלה בגן עדן .

ובזה היה פחות או יותר בזמנים נורמליים היכן שיהודים היו גרים במקומות מאות בשנים, באותם המקומות היו היהודים מתחלקים בפת לחמם ולא חיפשו לאגור כספים בידעם את הפסוק (תהלים מט) יצבור

ולא ידע מי אוספם, היכן שדוד המלך ע"ה אומר האדם הטיפש האוסף כספים ואינו יודע בשביל מי הוא עושה זאת, אנו שואלים את היהודים העשירים, בשביל מי אתם צוברים את המליונים, בשביל הילדים והנכדים, אם מזלם יהיה שיהיו עשירים יהיה להם בדיוק כפי שיש לך, ובמיוחד בזמנים כאלה, כשהעולם עומד בפני פצצת אטום, שאף אחד אינו יודע מתי הוא יתפוצץ, ובאמת בזכות הצדקה העולם הזה קיים, וא"כ למה אתם אוחזים את הכסף בכספות הבנקים, תוציאו מידכם את המליונים, ותמסרו אותם למוסדות התורה והחסד, ובזכות זה תזכו לקרב את הגאולה השלמה שאנו מחכים לה זמן כה רב, ושזה הדבר היחידי שיכול להציל את העולם מקאטאסטרופה ח"ו שהקב"ה יעזור מיד, וישלח את הגואל צדק שיגאלנו במהרה בב"א.

וע"ז בעה"ח יום א' פ' נצבים לסדר "לעשות את כל דברי התורה הזאת" תשמ"ח לפ"ק
ובברכת כתיבה וחתימה טובה

**ה"ק שלום יהודה גראס**

אבדק"ק האלמין יע"א

# פֶּרֶק א
## עֹנֶשׁ הַנִּמְנָע מִלְּמְחוֹת

### גֹּדֶל הָעֳנָשִׁים הַמְעֻתָּדִים לְמוֹנֵעַ מִלְּמְחוֹת בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא – מוֹסִיף חֲטָאִים יוֹתֵר מִסְּתָם בְּנֵי־אָדָם

(א) לְפִי כֹּחוֹ שֶׁיֵּשׁ לוֹ עַל בְּנֵי־אָדָם לְהַשְׁפִּיעַ תּוֹכָחָה וְאֵינוֹ מוֹכִיחַ כָּל חֵטְא קָטָן וְגָדוֹל שֶׁעוֹשִׂין הֲרֵי הוּא כְּמִי שֶׁעֲשָׂאוֹ הוּא. (שַׁבָּת נד: חִנּוּךְ מִצְוָה רלט, יוֹרֶה־דֵעָה שלד–מח)

וּלְפִי זֶה כָּל שֶׁהָרַב גָּדוֹל יוֹתֵר וּמַחֲזִיקִין אוֹתוֹ לִמְכֻבָּד יוֹתֵר שֶׁעַל־יְדֵי זֶה מִתְרַחֵב הַשְׁפָּעָתוֹ יוֹתֵר כַּיָּדוּעַ מוֹסִיף לְהַרְבּוֹת חֲטָאִים וּפְשָׁעִים כִּי לְפוּם גֹּדֶל הַעֲרָצָתוֹ בְּעֵינֵי בְּנֵי־אָדָם מִתְגַּדֵּל הַשְׁפָּעָתוֹ וּכְשֶׁאֵינוֹ מוֹחֶה כָּל חַטֹּאתָם עֲוֹנָם וּפִשְׁעָם אֶחָד אִסּוּר לָאו וְאֶחָד אִסּוּר כָּרֵת וּסְקִילָה הַכֹּל עוֹלִין עַל חֶשְׁבּוֹנוֹ לֵעָנֵשׁ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, וּלְפִי זֶה אָדָם פָּשׁוּט וְהֶדְיוֹטִי יוֹתֵר נְקִי מֵחֲטָאִים מֵאָדָם גָּדוֹל וְנִכְבָּד, כִּי אַף שֶׁלִּרְאוּת הָאָדָם – הָאָדָם הַגָּדוֹל וְהַצַּדִּיק הוּא מִי שֶׁיּוֹשֵׁב וּמִתְבּוֹדֵד בְּאָהֳלוֹ שֶׁל תּוֹרָה וְיִרְאַת־שָׁמַיִם וְאֵין מִסְתַּכֵּל מִמֶּנּוּ וְלַחוּץ וְהוּא עָמוּס מִמִּצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים וּלְצַדִּיק יֵחָשֵׁב, מִיהוּ לֹא מַחְשְׁבוֹת אָדָם מַחְשְׁבוֹת הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מַטִּיל עַל הַצַּדִּיק חוֹבַת מְחָאָה וְכָל שֶׁלֹּא מְקַיְּמוֹ חַטֹּאות וַעֲוֹנוֹת אוֹתָם שֶׁיֵּשׁ לוֹ הַשְׁפָּעָה עֲלֵיהֶם רוֹבְצִים כֻּלָּם עַל כְּתֵפָיו וְנִתְפָּס עֲלֵיהֶם כִּמְבֹאָר שָׁם בְּבֵאֵר הֵיטֵב. וְלֹא דַּי בִּפְלִיטַת שִׂפְתֵי תוֹכָחָה מִזְּמַן לִזְמַן דְּכָל שֶׁהַדּוֹר פָּרוּץ יוֹתֵר חוֹבָתוֹ יוֹתֵר וְחוֹב עָלָיו לִהְיוֹת טָרוּד בָּזֶה יוֹמָם וָלַיְלָה מַמָּשׁ כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (חֵלֶק א, דף כ) וּבְיַלְקוּט (שׁוֹפְטִים סח).

(ב) לִפְעָמִים נֶעֱנָשׁ לֵהָרֵג אֲפִלּוּ (סַנְהֶדְרִין כ.) וְהוּא בִּכְלַל אָרוּר (וַיִּקְרָא רַבָּה כה).

(ג) כָּל רְצִיחוֹת וּשְׁפִיכוּת דָּמִים שֶׁנִּשְׁפָּכִין בְּיִשְׂרָאֵל כְּאִלּוּ הוּא עֲשָׂאָם. (יַלְקוּט שׁוֹפְטִים סח). וּמוֹנֵעַ בִּנְיַת יְרוּשָׁלַיִם (שַׁבָּת קיט:).

(ד) אִם עוֹד מַחֲנִיף הָרָשָׁע רָאוּי שֶׁיָּבוֹאוּ עָלָיו כָּל הַקְּלָלוֹת שֶׁבַּתּוֹרָה (יַלְקוּט דְּבָרִים תשצג).

(ה) בִּשְׁעַת הַגְּזֵרָה נֶעֱנָשׁ עִם הַכְּלָל אֲפִלּוּ הוּא צַדִּיק גָּמוּר (שַׁבָּת נה: מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא מִשְׁפָּטִים, מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא חֻקַּת, אוֹתִיּוֹת דְּרַבִּי עֲקִיבָא א) וְנִלְקֶה בְּצָרַעַת (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, חֵלֶק ב, דַּף מו:).

(ו) אֵין הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא מַסְפִּיק בְּיָדוֹ לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה (רַמְבַּ״ם הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה, פֶּרֶק ד, הֲלָכָה א).

(ז) כָּל פַּעַם שֶׁבְּיָדוֹ לְהוֹכִיחַ כְּגוֹן שֶׁרוֹאֶה מְשִׂיחִין בְּעֵת קַדִּישׁ וּשְׁמוֹנֶה־עֶשְׂרֵה וְאֵינוֹ מוֹכִיחַ עוֹבֵר בִּשְׁלֹשָׁה לָאוִין (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ, חֵלֶק א, דַּף רלט:).

(ח) עַל־יְדֵי שֶׁאֵינוֹ מוֹחֶה מִתְגַּבֶּרֶת חֶסְרוֹן יְדִיעָה בְּחֹמֶר הֶעָוֹן וְעָנְשָׁהּ וּמִתְרַבִּים בַּעֲלֵי עֲבֵרוֹת שֶׁלָּהֶם כֻּלָּם עוֹלִים עַל חֶשְׁבּוֹנוֹ (רַשִׁ״י סוֹטָה מא:) וְאִם הָרָשָׁע נִתְפָּס בַּעֲוֹנוֹ נֶחְשָׁב בַּשָּׁמַיִם כְּאִלּוּ הוּא הֲרָגוֹ לָזֶה (יְחֶזְקֵאל ג).

(ט) מִתְקַצְּרִים שְׁנוֹתָיו וּמֵת קֹדֶם זְמַנּוֹ (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן פֶּרֶק כט).

(י) מִי שֶׁלֹּא מִחָה בְּעוֹבֵר עֲבֵרָה אַף־עַל־גַּב שֶׁשָּׁב הָרָשָׁע לְבַסּוֹף מֵרִשְׁעוֹ אַף־עַל־פִּי־כֵן הֶעָרֵב נֶעֱנָשׁ עַל שֶׁלֹּא הוֹכִיחַ בִּזְמַנּוֹ, וְדַוְקָא שֶׁשָּׁב הָרָשָׁע מִיִּרְאָה (כְּמוֹ שֶׁכֵּן בְּיָמֵינוּ) אֲבָל הַשָּׁב מֵאַהֲבָה גַּם לֶעָרֵב שֶׁלֹּא מִחָה נִמְחָל (מַעַרְכֵי לֵב דְּרוּשׁ ע, דַּף קנז, וְסֵפֶר יַד יָמִין חֵלֶק ב, דַּף יג) וְיֵשׁ שֶׁכָּתְבוּ סְתָם דְּאֵינוֹ נִמְחָל לוֹ (יַעֲרוֹת דְּבַשׁ דַּף עב).

(יא) כָּל מִי שֶׁאֶפְשָׁר לְמַחוֹת בְּאַנְשֵׁי־בֵיתוֹ וְלֹא מִחָה נִתְפָּס עַל אַנְשֵׁי בֵיתוֹ, בְּאַנְשֵׁי עִירוֹ נִתְפָּס עַל אַנְשֵׁי עִירוֹ, בְּכָל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ נִתְפָּס עַל כָּל הָעוֹלָם (שַׁבָּת נד:).

(יב) עַיֵּן שְׁאֵלוֹת־וּתְשׁוּבוֹת מַהֲרַ"ם שִׁיק (אֹרַח־חַיִּים סִימָן שג וְהָלְאָה) הַרְבֵּה פְּרָטִים בְּדִינֵי חוֹבַת מְחָאָה.

# פֶּרֶק ב
# שְׂכַר גָּדוֹל לַמּוֹחִים

(א) מִי שֶׁמּוֹחֶה לִכְבוֹד שָׁמַיִם אֵין מַלְאַךְ הַמָּוֶת שׁוֹלֵט בּוֹ כִּשְׁאָר בְּנֵי אָדָם (זֹהַר הַקָּדוֹשׁ חֵלֶק א, כט:) וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא כּוֹרֵת עִמּוֹ בְּרִית וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו כְּמוֹ שֶׁעָשָׂה לְפִינְחָס (רֵאשִׁית חָכְמָה שַׁעַר הַקְּדֻשָּׁה פֶּרֶק יב בְּשֵׁם מַהֲרַ"י אַבּוּהַב) וְזוֹכֶה לְחֶלְקוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא (תָּמִיד כח.) וּמַמְשִׁיךְ בְּרָכוֹת וְטוֹבוֹת לָעוֹלָם (שָׁם) וְיוֹצֵא מִכְּלָל אָרוּר לִכְלַל בָּרוּךְ (וַיִּקְרָא רַבָּה כה), נִצּוֹל מִכָּל גְּזֵרוֹת קָשׁוֹת (יַלְקוּט רוּת עַל הַכָּתוּב וַיָּמָת אֱלִימֶלֶךְ) זוֹכֶה לְבַלּוֹת שְׁנוֹתָיו בִּנְעִימִים (אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן פֶּרֶק כט) כְּשֶׁיֵּשׁ גְּזַר־דִּין עַל הַכְּלָל הוּא נִצּוֹל (חוֹמַת אֲנָךְ פָּרָשַׁת נֹחַ) וְזוֹכֶה לַמַּלְכוּת (סַנְהֶדְרִין קא:).

ובסיום חיבורינו נפרש מאמר חז"ל (שבת נד:) "כל שיש בידו למחות ולא מיחה" וכו' נתפס וכו' פי' הגה"ק ר' חיים פלאג'י בס' שו"ת חקקי לב (יו"ד סי' מ"ג) וזל"ק: "כל זה כתבתי להציל את עצמי והגם שכתבתי איזה דברים כמה פעמים כפולים ומכופלים הוכרחתי במעשי הן מצד שהכרח לא יגונה כי צריך אני להשיב על כל דיבור ודיבור וכו' והן מצד כי חיובא רמיא משום מצות עשה של הוכח תוכיח אפילו ק' פעמים. ומצאתי לי און בתשו' נוב"י (סי' ל"ו) שכתב וכו'" [ואח"כ כותב להלן]: "ולכן זאת היתה לי חיים ביד לשון לכתוב בספר ויוחקו לבי לחוקקי ישראל גדולים חקרי לב, והיינו מ"ש רז"ל בשבת (נד:) "בידו" למחות וכו', דוקא "בידו" והיינו לכתוב בידם.[הנה הגי' בגמ' דשבת, כל מי "שאפשר" למחות (ולא כ' "בידו" למחות), אבל כבר דייק בזה בס' תוכחת חיים פ' מקץ וכותב, שבירושלמי איתא "בידו"]. וכן מ"ש רז"ל שם ובכמה דוכתי, כל מי שיש בידו למחות דנקטי כי האי לישנא שיש "בידו" למחות, להורות לנו כי הגם אם לא בפיהם להוכיח מאיזה צד וסיבה שתהי' מ"מ "ביד" מחוייבים למחות ע"י מעשה וכתב. והרי זה – יכתוב "ידו" לה' לשם שמים להזהיר את העם וכו'" עכל"ק.

ונסיים חיבורינו בתפלה להשי"ת שאל יאמר פינו דבר שלא כרצונו, ויהי נא אמרינו לרצון לפני אדון כל. זכות כל הצדיקים, גאונים וקדושים, שהבאנו דבריהם הטהורים, זכות צדקתם תצהיר כאור שבעת הימים, ויהיו עבורינו מליצים ישרים, וה' אלוקי ישראל אהבת תמים, יעזור שנושע תשועת עולמים.

## וע"ז בעה"ח יום א' פ' נצבים לסדר "לעשות את כל דברי התורה הזאת" תשמ"ח לפ"ק ובברכת כתיבה וחתימה טובה

# ה"ק שלום יהודה גראס

## אבדק"ק האלמין יע"א

**פאראינטערעסירטע צו העלפן מיט געלט דעם "וועד המרכזי העולמי לקיום היהדות" צו קענען אנגיין מיט דער ארבעט, דארפן זיך ווענדן שריפטליך אדער טעלעפאניש צו:**

VAAD HAMERKAZI HOILUMI LEKIYUM HAIHADUS
c/o RABBI SHOKLM YUDA GROSS
4711 12th AVE., APT. A-5, BROOKLYN, N. Y. 11219
TEL.: (718) 436 8086

בעזהי״ת

# A RESCUE MISSION HATZOLAS NE'FASHOS

## *An Open Letter to the Wealthy and Philanthropic Members of the Jewish Community*


״וועד המרכזי העולמי לקיום היהדות״

VAAD HAMERKAZI HOILUMI LEKIYUM HAIHADUS

c/o RABBI SHOLEM YUDA GROSS

4711 12th AVE., APT. A-5, BROOKLYN, N. Y. 11219

TEL.: (718) 436 8086


הו״ל בחמלת ה׳ עלי בזכות אבותי ורבותי הק׳ זי״ע

הק׳ **שלום יודא גראס**

רב דקהל ״מגן שאול ד״האלמין״ ור״מ בישיבה וכולל ״בית ישעי״״
״מכון להוראה בשחיטות ובדיקות״

בעהמח״ס: אפיית המצות השלם (י׳ חלקים): גידולי יהודה (על הלכות ציצית); שו״ת זבחו זבחי צדק (על הלכות שו״ב): חינוך ישראל סבא (מדריך לחינוך הבנים והבנות); מדריך לצניעות; מזוזת שלום (על הל׳ מזוזה): מנוחת שלום (הדרכה לכשרות); מנחת יהודה, (על חומר איסור ״חלב עכו״ם ו״סימילאק״); נפש ישעי׳ (על מאכלות אסורות, הי״ח); קדושת ישראל (על הלכות יחוד): ושי״ס


Brooklyn, New York

'89

B"H

# AN OPEN LETTER TO ALL WEALTHY JEWISH PHILANTHROPISTS

## TABLE OF CONTENTS


1. Investing Intelligently
2. Do the Wealthy Work for Their Children?
3. A Fifth of Their Income to Charity Not Enough for the Wealthy
4. The Wealthy Carry Responsibility for the Whole Generation
5. The Spiritual Holocaust is Burning Fiercely
6. It's in Your power to help
7. Kashrus, Shabbos and Taharas HaMishpochoh
8. Six Million Jews on Verge of Spiritual Destruction
9. The Rich Man Comes Before the Heavenly Court
10. My Dear Friends!



**INTERNATIONAL COMMITTEE FOR PRESERVATION OF JUDAISM**

**VAAD HAMERKAZI HOILUMI LEKIYUM HAIHADUS**

c/o Rabbi Sholem Yuda Gross

4711 — 12th Ave., Suite A5, Brooklyn, N.Y. 11219

Telephone: (718) 436-8086



'47

*Brooklyn, New York*